**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט גרענט פון איבער 5.8 מיליאן דאלאר פאר נייע אדיקשען באהאנדלונג פראגראמען אין ניו יארק סטעיט

***געלטער וועלן ערמעגליכן פראפעסיאנאלן צו אויפשטעלן באהאנדלונג פראגראמען אינדרויסן פון אנשטאלטן פאר אלע הינזיכטן אויסגעשטעלט צו פארמערן צוטריט צו אלע סארטן סערוויסעס וועלכע זענען דא פאר אפיויד באנוץ קראנקהייט***

***גרענטס פארטיילט דורך ניו יארק סטעיט'ס אפיויד סעטלמענט קאסע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז מער פון 5.8 מיליאן דאלאר איז פארטיילט געווארן פאר פראפעסיאנאלן אריבער ניו יארק סטעיט צו אויפשטעלן אַוטפעישענט (אינדרויסן פון אנשטאלטן) באהאנדלונג פראגראמען וועלכע אדרעסירן אלע הינזיכטן פון אדיקשען. די געלטער ווערן אויסגעטיילט דורך די סטעיט'ס אפיויד סעטלמענט קאסע (Opioid Settlement Fund).

"צאללאזע לעבנס זענען באטראפן געווארן דורך די אפיויד און אָווערדאָוז מגיפה דא אין ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי מענטשן, פאמיליעס און קאמיוניטיס אריבער די סטעיט זעצן פאר צו פילן די השפעה פון די קריזיס, ארבעטן מיר צו ערפילן די אנגייענדע נויט פאר באהאנדלונג סערוויסעס, און מיר וועלן פארזעצן מיט אונזערע ברייטע אנשטרענגונגען צו העלפן פארזיכערן אז מער לעבנס ווערן נישט פארלוירן צוליב אדיקשען."

ברייטע אַוטפעישענט באהאנדלונג פראגראמען פאר אלע הינזיכטן פון אדיקשען גיבן מער געלעגנהייטן צו אנקומען צו סערוויסעס וועלכע זענען צענטערירט ארום דעם מענטש, אריינרעכענענדיג באהאנדלונג מיט מעדיצינען פאר אפיויד באנוץ קראנקהייט. די פראגראמען זענען אויסגעשטעלט צו אדרעסירן די אנגייענדע נויט פאר ברייטע באהאנדלונג דורכן ברענגען די אלע סערוויסעס צו איין פלאץ. פראגראמען וועלכע באקומען די פינאנצירונג וועלן אויפהאלטן אַוטפעישענט באהאנדלונג פראגראמען און אן אפיויד באהאנדלונג פראגראם (opioid treatment program, OTP) ביי די זעלבע פלאץ.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע ( Office of Addiction Services and Supports) קאמישאנער, טשינאַזאָו קאנינגעהעם, האט געזאגט,** "די נייע פראגראמען וועלן ערלויבן מער מענטשן צו באקומען וויכטיגע הילף און שטיצע פאר אדיקשען, אריינרעכענענדיג באהאנדלונג מיט מעדיצין, אלעס אונטער איין דאך. א דאנק די געלטער וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך די אפיויד סעטלמענט קאסע, זעצן מיר פאר צו אויסברייטערן און פארבעסערן אונזערע סערוויסעס צו גיבן פאר מער ניו יארקער א טשאנס צו אנקומען צו די וויכטיגע סערוויסעס נאענטער צו זייער היים."

**סטעיט סענאטאר נעטאליע פערנאנדעז האט געזאגט,** "איך בין פרייליך צו זעהן די אפיויד סעטלמענט קאסע ווערנדיג גענוצט אין אזעלכע פונקטליכע און ווירקזאמע וועגן. דאס האבן אלע סארטן באהאנדלונג

אין איין פלאץ וועט נישט נאר העלפן אונזערע פאציענטן באקומען קריטישע סערוויסעס, נאר עס וועט אויך העלפן פראפעסיאנאלן און מעדיצינישע איינגעשטעלטע מיט די מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען ראטעווען לעבנס און באהאנדלען אדיקשען אויף א מער ערפלגרייכן אופן."

די פאלגנדע 12 פראָווײַדערס באקומען געלטער דורך די איניציאטיוו צו אויפשטעלן פראגראמען אין די אויסגערעכנטע קאונטיס.

**צענטראלע ניו יארק**

- Crouse Health Hospital (אָנאָנדאַגא) - $239,097

**פינגער לעיקס**

- Huther Doyle Memorial Institute, Inc. (מאנראו) $560,000

**לאנג איילענד**

- Federation of Organizations for the New York State Mentally Disabled, Inc (סופאָלק) $660,000

**מיטל-האדסאן**

- Westchester County Health Care Corp & Health Alliance (אָלסטער) - $374,000
- Lexington Center for Recovery, Inc. (דאָטשעס) - $374,000

**New York City**

- Elmcor Youth & Adult Activities, Inc. (קווינס) - $660,000
- NYC H+H Jacobi Medical Center (בראנקס) - $660,000
- Samaritan Daytop Village (ריטשמאָנד) - $660,000
- St. Joseph's Hospital (קווינס) - $402,000

**צפון קאנטרי**

- Credo Community Center for Treatment of Addictions, Inc (דזשעפערסאן) - $240,106

**דרום טייל ראיאן**

- CASA Trinity, Inc. (סטיובען) - $615,224

**מערב NY**

- Northpointe Council, Inc. (ניאגארא) - $374,000

ניו יארק סטעיט באקומט מער פון 2 ביליאן דאלאר דורך פארשידענע סעטלמענט אפמאכן מיט אפיויד און מעדיצינען פירמעס וועלכע זענען פארזיכערט געווארן דורך אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס. א חלק פון די סעטלמענט געלטער וועלן גיין דירעקט צו לאקאלע רעגירונגען, און די רעשט וועט ארייגעלייגט ווערן אין א ספעציעלע קאסע צו שטיצן פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג באמיאונגען צו אדרעסירן די אנגייענדע אפיויד מגיפה.

דער זעלבער געזעץ וואס האט אויפגעשטעלט די ספעציעלע קאסע האט אויך אוועקגעשטעלט די אפיויד סעטלמענט קאסע אדווייזארי באורד מיט די אויפגאבע צו אהערשטעלן רעקאמענדאציעס איבער וויאזוי סעטלמענט געלטער זאלן פארטיילט ווערן כדי צו דינען די וועלכע נויטיגן זיך דערין אויפן בעסטן פארנעם. די באורד מיטגלידער האבן פארעפנטליכט זייערע ערשטע רעקאמענדאציעס נאוועמבער 1, שטעלנדיג אלץ הויפט פריאריטעטן צו פארברייטערן שאדן רעדוקציע סערוויסעס און באהאנדלונג.

ניו יארק סטעיט האט אייגעפירט אן אגרעסיוו, פיל-צייניגע צוגאנג צו אדרעסירן די איבערדאזע עפידעמיק, און באשאפן א פאלק-פירנדיגע המשך פון אדיקציע קעיר מיט פולע פארמיידונג, היילונג, גענעזונג און שאדן-פארקלענערונג סערוויסעס. די סטעיט האט געארבעט צו פארברייטערן צוטריט צו טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג קריזיס סערוויסעס, אין-פעישענט, אַוט-פעישענט און באהאנדלונג פראגראמען וואו די פאציענטן וואוינען אויפן ארט, מעדיצינען צו באהאנדלען אדיקשען, און אזוי אויך מאוביל באהאנדלונג און טראנספארטאציע סערוויסעס.

גאווערנאר האוקאל איז געווען א מיטגליד פון די NYC הערויאין און אפיויד איינהייט ( NYS Heroin and Opioid Task Force) וועלכע האט אין 2016 רעקאמענדירט נייע, נישט-טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג ערהוילונג צענטערן, יונגווארג קלאבהייזער, פארברייטערטע סערוויסעס פון מדריכים וואס זענען אליינס אריבער אדיקשען, און אפענע צוטריט צענטערן וואס שטעלן צו באלדיגע אונטערזוכונגען און שיקן פאר וויטערדיגע קעיר. די סערוויסעס זענען זינט דאן אוועקגעשטעלט געווארן אין מערערע קאמיוניטיס ארום די סטעיט, און זיי האבן געהאלפן מענטשן אין נויט צו האבן צוטריט צו קעיר נאענטער צו וואו זיי וואוינען.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע זעהט איבער איינס פון די לאנד'ס-גרעסטע דראג באנוץ קראנקהייט קעיר סיסטעמען מיט בערך 1,700 פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג פראגראמען, דינענדיג איבער 731,000 מענטשן יעדעס יאר. דאס איז כולל די דירעקטע אפעראציע פון 12 אדיקציע היילונג צענטערס וואו אונדזערע דאקטוירים, נורסעס, און קלינישע שטאב שטעלן צו שפיטאל-פאציענטן און איינוואוינער סערוויסעס פאר בערך 8,000 מענטשן א יאר.

ניו יארקער וועלכע מוטשען זיך מיט אן אדיקשען, אדער ווענמעס באליבטע מוטשען זיך מיט אן אדיקשען, קענען טרעפן הילף און האפענונג דורכן רופן די סטעיט'ס אומזיסטע HOPE האטליין, 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער דורכן טעקסטן צו 467369 (וואס שטייט פאר HOPENY).

אדיקשען באהאנדלונגען וואס זענען דא צו באקומען – אריינרעכענענדיג קריזיס/דיטאַקס, אין-פעישענט, פלעצער וואו פאציענטן וואוינען אדער אַוט-פעישענט קעיר – קענען געפונען ווערן דורכן נוצן די NYS OASAS באהאנדלונג אוועילעביליטי דעשבאָורד אויף FindAddictionTreatment.ny.gov אדער דורך די NYS OASAS וועבזייטל.

אויב איר אדער א באליבטע אייערס האט געהאט שוועריגקייטן מיט אינשורענס אין פארבינדונג מיט באהאנדלונג אדער דארף הילף אריינצוגעבן אן אפעלירונג פאר א צוריקגעוויזענע קלעים, פארבינדט אייך מיט די CHAMP הילף ליניע דורכן טעלעפאן אויף 888-614-5400 אדער דורך אימעיל ביי ombuds@oasas.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן